ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרקי אבות


פרק ראשון
פרק שני
פרק שלישי
פרק רביעי
פרק חמישי
פרק שישי


### פרק ראשון

אין דער הקדמה צו פרקי אבות זאגן מיר "כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב". אין דער ערשטער משנה שטייט "משה קיבל תורה מסיני". מסכת אבות לערנט מען דאך אין די שבתים צווישען פסח און שבועות, ווי א הכנה צו מתן תורה. [און אויך במשך די שבתים פון זומער]. דער אנהויב פון דער הכנה איז צו פארשטארקן אהבת ישראל, און דאס איז מרומז אין די צוויי דערמאנטע משניות.

מען קען דאך טענה'ן, צו וואס זאל איך אפגעבן מיין צייט אויף יענעם, פאר דער צייט קען איך דאך בעסער זיצן און לערנען? אויף דעם איז די אנווייזונג, כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. מען קען ניט וויסן ווער עס איז העכער, עס קען זיין אז יענער איז העכער פון עם. עולם הזה איז דאך א עולם הפוך - א פארקערטע וועלט - מיינט ער אז ער איז העכער פון יענעם און מאכט חשבונות אז עס איז ניט כדאי צו אפגעבן זיך מיט יענעם. עולם הבא איז א עולם ברור - קלארע וועלט - דארט קען זיך גאר ארויסווייזען פארקערט.

אלע אידן מיט וועלכע ער האט צו טאן, האבן זיכער א חלק לעולם הבא. יענעם דארף מען דאך *אלעמאל* דן זיין לכף זכות. אויף עם אליין קען זיין א שאלה. עס איז דאך על כל פשעים תכסה אהבה.

דער דין איז אז אויב א תלמיד איז גולה ווייל ער האט געהרג'ט א מענטשן בשוגג, איז מגלין רבו עמו, דארף זיין רבי אויך גיין אין גלות לערנען מיט עם. אויב ער וועט מקרב זיין יענעם און לערנען מיט עם, וועט ער ווערן זיין רבי. עס קען דאך זיין אז ער וועט זיין אין גיהנום און זיין תלמיד וועט זיין אין גן עדן. וועט דער תלמיד טענה'ן "איך קען ניט זיין אן מיין רבי". וועט מען עם ארויסנעמען פון גיהנום און אוועקזעצן אין גן עדן. קומט אויס אז יענער וועט עם אפצאלן אין עולם הבא פאר א טובה וואס ער טוט עם יעצט.

די צווייטע משנה לערנט אונז אז דאס וואס ער העלפט יענעם איז ניט "כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה". נאר ער טוט עס בכחו של משה וואס אוהב ישראל הי', ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים כו' ביז רבותינו שבכל דור ודור, אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא.
(לקו"ש ח"א ע' 262)

Back to "Leben Mit Der Tzeit"